**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/9/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול שרייבט אונטער ביל צו דעקלערן אזיאנע נייע לבנה יאר האלידעי אלס סקול האלידעי

***נייער געזעץ (A.7768/S.7573) פארלאנגט פון אלע פובליק סקולס זיך צו פארמאכן פאר אזיאנע נייע לבנה יאר האלידעי***

***בילדער פון די ביל אונטערשרייבונג זענען פארעפנטליכט [דא](#)***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן א ביל דעקלערנדיג די אזיאנע נייע לבנה יאר האלידעי אלס א פובליק סקול האלידעי אריבער ניו יארק סטעיט. דער נייער געזעץ (A.7768/S.7573) וועט זיכער מאכן אז סקולס זענען נישט אין סעסיע אויף דעם טאג פון די נייע לבנה יאר, אונטערשטרייכנדיג גאווערנער האקול'ס איבערגעגעבנקייט צו שטיצן און באשיצן ניו יארק'ס AAPI (אזיאנער אמעריקאנער און פאציפישע אינזלען אפשטאמיגע) קאמיוניטי.

"דורכן דעזיגנירן די נייע לבנה יאר האלידעי אלס אן אפיציעלע סקול האלידעי, נעמען מיר אונטער א וויכטיגע טריט ביים אנערקענען די וויכטיגקייט פון ניו יארק'ס AAPI קאמיוניטי און די רייכע פארשידנארטיגקייט וואס מאכט ניו יארק אזוי געוואלדיג", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "עס איז נישט בלויז א טאג פון אורלויב פון סקול, נאר א געלעגנהייט פאר אונזערע קינדער צו לערנען איבער- און פייערן זייערע אייגענע אדער אנדערע קולטורן און טראדיציעס."

**אסעמבלי ספיקער קארל היעסטי האט געזאגט,** "מאכן די אזיאנע נייע לבנה יאר האלידעי פאר א האלידעי אין ניו יארק'ס פובליק סקולס איז א דירעקטע רעזולטאט פון די שווערע ארבעט פון די אסעמבלי מאיאריטעט און פון די איבערגעגעבענע מיטגלידער פון די 'אזיאנער-פאציפישע איינהייט' ( Asian Pacific Task Force). ניו יארק סטעיט איז הערליך פארשידנארטיג, מיט מענטשן פון פארשידענע אפשטאמען און רעליגיעזע און קולטורישע הונטערגרונטן וואס וואוינען, ארבעטן און שטעלן אויף פאמיליעס צוזאמען. די אזיאנע נייע לבנה יאר האלידעי וועט גיבן פאר טויזנטע אזיאנע סקול קינדער אין אונזער סטעיט די מעגליכקייט זיך צוזאמצוקומען צוזאמען און פייערן מיט פאמיליע און פריינט אן דארפן מוותר זיין אויף זייער חינוך. איך האף אז דאס וועט ארויפשיינען א ליכט אויף די קולטור און טראדיציעס פון אונזערע אזיאנע פריינט און שכנים, און אין א צייט ווען מיר האבן געזעהן האסע און גוואלדטאטן קעגן אזיאנע קאמיוניטיס, וועט דאס עפענען מענטשן'ס אויגן, מוטיגנדיג טאלעראנץ און אננעמונג. איך באדאנק גאווערנער האקול פאר איר פירערשאפט און פארן אונטערשרייבן די וויכטיגע ביל."

די אריבערגעפירטע ביל (A.7768/S.7573) מאכט אן ענדערונג צו דעם עדזשוקעישן געזעץ צו דעקלערן די אזיאנע נייע לבנה יאר האלידעי אלס א פובליק סקול האלידעי אריבער די סטעיט. דער געזעץ פארלאנגט אויך אז אלע פובליק סקולס זאלן זיך פארמאכן פאר די אזיאנע נייע לבנה יאר האלידעי.

**סטעיט סענאטאר ברייען קעווענאו האט געזאגט,** "ניו יארק'ס געשיכטע וואלט נישט געקענט געשריבן ווערן אן די פילע און פארשידענעביישטייערונגען פון אזיאנע ניו יארקער. דאך ווערן אזיאנע פאמיליעס און סקול קינדער אין פילע סקולס אריבער די סטעיט געצווינגען צו מאכן אן אויסוואהל צווישן גיין אין סקול און צווישן פייערן זייער קאמיוניטי'ס מערסט מיינונגספולע האלידעי. און פילע אנדערע ניו יארקער ווערן צוריקגעוויזן די געלעגנהייט צו פייערן די פארשידנארטיגע מסורה פון אונזער סטעיט. דערפאר בין איך אזוי שטאלץ אז פון היינט און ווייטער אנערקענען מיר אפיציעל די אזיאנע נייע לבנה יאר האלידעי אלס א סקול האלידעי. איך באדאנק די פילע אזיאנע מענטשן, פאמיליעס און ארגאניזאציעס וועלכע האבן געשטדל'ט פאר די ביל; די וואקסנדע און מאכטפולע דעלעגאציע פון אזיאנע קאלעגן אין די סטעיט לעגיסלאטור פאר זייער פירערשאפט, הדרכה און שטיצע — באזונדערס אסעמבלי מיטגלידערין גרעיס לי און סענאטארן דזשאן ליו און איוואן טשו; אסעמבלי ביל ספאנסאר ביל קאלטאן, פאר זיין געוואלדיגע ארבעט צו אריבערפירן די ביל אין די אסעמבלי; און גאווערנער קעטי האקול פארן עס ארייננשרייבן אין געזעץ היינט."

**אסעמבלי מיטגליד וויליאם קאלטאן האט געזאגט,** "אזיאנער-אמעריקאנער האבן געשפילט א קריטישע ראלע ביים אויספארעמען אונזער סטעיט און לאנד בשעת'ן זיך כסדר מוטשענען צו איבערקומען פילע שטרויכלונגען פון דיסקרימינאציע און אנדערע שוועריגקייטן. דאס מאכן די אזיאנע נייע לבנה יאר האלידעי פאר א סטעיט סקול האלידעי וועט נישט נאר בענעפיטירן אזיאנער-אמעריקאנער, נאר עס וועט אויך ארויסשיקן א שטארקע מעסעדזש פון האפנונג צו זיכער מאכן אז אלע גרופעס קענען עררייכן דעם 'אמעריקאנער טרוים'. דער היסטארישער געזעץ וואלט נישט מעגליך געווען אן די פירערשאפט פון די גאווערנער, די לעגיסלאטיווע פירערשאפט און די שטיצן פון אסעמבלי מיטגלידערין גרעיס לי, די ביל'ס הויפט קאָו-ספאנסאר, און אזויפיל פון מיינע קאלעגן."

**אסעמבלי מיטגלידערין גרעיס לי, א פארזיצערין פון די אסעמבלי'ס אזיאנער פאציפישע אמעריקאנער (Asian Pacific American, APA) איינהייט האט געזאגט,** "עס איז אן עהרע צו האבן אנגעפירט די היסטארישע אונטערנעמונג צו אנערקענען די אזיאנע נייע לבנה יאר האלידעי אלס א האלידעי אריבער די סטעיט אין ניו יארק. אלס אזיאנער-אמעריקאנער, זענען מיר געווען אומגעזעהן און אומדערהערט אין ניו יארק פאר צו לאנג, און די ביל איז אן אנערקענונג פאר אונזערע ביישטייערונגען צו ניו יארקע היסטאריע און א באשטעטיגונג אז אונזערע שטימעס און אונזערע געשיכטעס מאכן א חילוק. יעצט וועל איך קענען זיך אנשליסן מיט די טויזנטע פאמיליעס אריבער די סטעיט ביים פייערן די אזיאנע נייע לבנה יאר האלידעי אינדערהיים מיט מיינע קינדער. דער נייער געזעץ וועט עפענען א נייע דור צו אזיאנער קולטור, און עס וועט שטופן פאר פארשידנארטיגקייט און ארייננעמונג אין א צייט ווען אזיאנע ניו יארקער ליידן פון אנטי-אזיאנע האסע. דורכן מאכן ניו יארק פאר די ערשטע סטעיט אין דאס לאנד צו פארלאנגען אז סקולס זאלן זיין פארשפארט אריבער די סטעיט צו אפהאלטן די אזיאנע נייע לבנה יאר האלידעי, שטעלן מיר א ווירדיגע ביישפיל פאר אנדערע סטעיטס צו נאכמאכן. איך באדאנק גאווערנער קעטי האקול, אסעמבלי ספיקער קארל היעסטי, מאיאריטעט פירערין ענדריע סטוּערט-קאָזינס און אלע מיינע קאלעגן וועלכע האבן געשטיצט די אונטערנעמונג צו פארזיכערן די היסטארישע ערגרייכונג פאר ניו יארק'ס AAPI קאמיוניטי."

גאווערנער האקול איז געבליבן איבערגעגעבן צו שטיצן, באשיצן און פייערן ניו יארק'ס AAPI קאמיוניטי. אין די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 האט גאווערנער האקול צוגעטיילט 30 מיליאן דאלאר אין גרענטס פאר קאמיוניטי ארגאניזאציעס דורך די אזיאנער-אמעריקאנער פעדערעישען און די קאאליצע פאר אזיאנע-אמעריקאנע קינדער און פאמיליעס — די גרעסטע אינוועסטירונג אין היסטאריע צו שטיצן AAPI קאמיוניטיס אין די גאנצע סטעיט. די פינאנצירונג גייט פאר א גרופע פון קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס וואס ווערן כסדר נאר מער און מער פארשידנארטיג, צושטעלנדיג קולטוריש-צוגעפאסטע

סערוויסעס אין די נויטיגע שפּראכן, און אזוי אויך אדרעסירנדיג סיסטעמאטישע געוואלדטאטן, ראסיזם און דיסקרימינאציע מיט וואס די AAPI קאמיוניטי טרעפט זיך אן.

**סטעיט סענאטאר דזשאן ליו האט געזאגט,** "די אזיאנע נייע לבנה יאר האלידעי איז די מערסטע מיינונגספולע צייט פון דעם יאר פאר אזיאנער-אמעריקאנער, און אלס די שנעלסטע-וואקסנדע קאמיוניטי אין דאס לאנד, דארפן מיר זיכער מאכן אז אונזער מסורה, קולטור און טראדיציעס ווערן באהאנדלט מיט די זעלבע רעספעקט און 'יראת הכבוד' ווי סיי וועלכע אנדערע אמעריקאנע האלידעי. דעקלערנדיג די אזיאנע נייע לבנה יאר האלידעי אלס א סטעיט האלידעי איז א וויכטיגע טריט צו אנערקענען און אננעמען אזיאנער-אמעריקאנער, נישט נאר דא אין ניו יארק סטעיט נאר אריבער דעם גאנצן לאנד. פילע דאנקן פאר גאווערנער האקול פארן לייגן דאס אונטערשרייבן דעם געזעץ אלץ פריאריטעט."

**סטעיט סענאטאר איוואן טשו האט געזאגט,** "היינט וועט ניו יארק סטעיט מאכן די אזיאנע נייע לבנה יאר האלידעי אלס א פובליק סקול האלידעי, א לאנג אויסגעקעמפטע באמיאונג פאר די אריינגעמונג פון אזיאנע ניו יארקער. יעצט מוזן שוין פאמיליעס נישט אויסוועלן צווישן זייער חינוך און צווישן פייערן זייער קולטורישע מסורה. דער געזעץ אנערקענט דיביישטייערונגען פון די AAPI קאמיוניטי אין די פארשידנארטיגע מאטעריאל פון וואס אונזער געוואלדיגע סטעיט איז געמאכט, און עס ברענגט מער אויפמערקזאמקייט צו באקעמפן די האסע וואס AAPI ניו יארקער גייען אריבער. איך בין שטאלץ צו האבן געגעבן מיין שטארק שטיצע פאר די ביל, און איך באדאנק גאווערנער האקול, סענאט מאיאריטעט פירערין ענדריע סטוּארט-קאָזינס און אסעמבלי ספיקער קארל היעסטי פארן דאס מאכן פאר א פריאריטעט אין די לעגיסלאטיווע סעסיע."

**אסעמבלי מיטגליד עדווארד בראונסטין האט געזאגט,** "דאס אוועקשטעלן די אזיאנע נייע לבנה יאר האלידעי אלס א פובליק סקול האלידעי אריבער די סטעיט אין ניו יארק איז א היסטארישער עררייכונג, און איך בין שטאלץ געווען צו שטיצן די באמיאונג אין די אסעמבלי. א סקול האלידעי אריבער די סטעיט וועט ערמעגליכן די וועלכע רעכטן אפ די האלידעי צו פייערן צוזאמען מיט זייערע פאמיליעס, און אזוי אויך וועט דאס גיבן פאר אלע ניו יארקער די געלעגנהייט צו לערנען איבער די קולטורישע און היסטארישע באדייט פון די אזיאנע נייע לבנה יאר האלידעי. איך פייער דעם היסטארישן מאמענט און באדאנק גאווערנער האקול פארן אריינשרייבן די ביל אין געזעץ."

**אסעמבלי מיטגליד ראַן קים האט געזאגט,** "עס האט גענומען עטליכע דורות פון געזעצגעבער צו ענדליך מאכן די אזיאנע נייע לבנה יאר האלידעי אלס אן אנערקענטע האלידעי אריבער די סטעיט, און איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול פארן אנערקענען אזיאנער-אמעריקאנער אין א באדייטפולע וועג. פון געוועזענע מיטגלידער דזשימי מענג, עלען יאָנג און גרעיס מענג ביז נייע מיטגלידער ווי APA אײנהייט פארזיצער גרעיס לי מאכנדיג די ביל אלס הויפט פריאריטעט — בין איך בין דאנקבאר פאר אלע זייערע ביישטייערונגען. צום לעצט וויל איך באדאנקען ספּיקער קארל היעסטי פאר זיין פירערשאפט און הדרכה ביים פייערן אזיאנער-אמעריקאנער אין ניו יארק סטעיט."

**אסעמבלי מיטגלידערין דזשעניפער ראַדזשקוּמאר האט געזאגט,** "אלס די ערשטע דרום אזיאנע פרוי צו ערוויילט ווערן צו א ניו יארק סטעיט רעגירונג אמט אין די היסטאריע, באדאנק איך גאווערנער קעטי האקול פארן אונטערשרייבן די היסטארישע ביל וואס אנערקענט די רייכע פארשידנארטיגקייט פון אונזער סטעיט און איר AAPI קאמיוניטי. איבער 1 מיליאן ניו יארקער אריבער די סטעיט פייערן די אזיאנע נייע לבנה יאר האלידעי, און היינט זאגן מיר פאר זיי אלע אז מיר זעהען זיי און אנערקענען זיי. איך בין שטאלץ צו האבן געהאלפן טרייבן די היסטארישע ביל צו אריבערגעפירט ווערן. היינט מאכן מיר אונזער עדזשוּקעישען סיסטעם ארבעטן פאר אלע פארשידנארטיגע קאמיוניטיס אין אונזער סטעיט. אין אן עפּאכע פון וואקסנדע האסע קעגן די AAPI קאמיוניטי אריבער דאס לאנד שטייט ניו יארק אלס א לייכטורעם פון רעספעקט, טאלעראנץ און ליבשאפט פאר מענטשן פון יעדע גלויבונג און הונטערגרונט."

**אסעמבלי מיטגלידערין דזשעסיקע גאנזאלעז-ראָוהאס האט געזאגט,** "די אזיאנע נייע לבנה יאר האלידעי איז א וויכטיגע האלידעי פאר פילע קולטורן וואס ווערן אפגעהיטן און פארטראטן דורך אונזערע שכנים אריבער ניו יארק סיטי און סטעיט. מיט דאס אריינשרייבן די ביל אין געזעץ קענען מיר פארזעצן צו קלאר מאכן אז אלע קולטורן זאלן געפייערט ווערן דורך ניו יארקער, אריינרעכענענדיג אונזערע סקול קינדער. א דאנק פאר די הויפט ספאנסארס און שתדלנים פארן דאס ברענגען צו פארטיג ווערן."

**אסעמבלי מיטגלידערין מארסעלא מיטעינעס האט געזאגט,** "לעבהאפטיגע קולטורישע ווארצלען זענען די זאך וואס מאכט ברוקלין די היים צו אזויפיל קאמיוניטיס. אויב מיר וועהלן אויס נישט צו באעהרן די קולטורן דורך אונזער סטעיט רעגירונג, שטעלן מיר זיך אין סכנה פון פארלירן די טייער-געהאלטענע לעבהאפטיגקייט. מיין היים אין סאָנסעט פארק איז געמאכט געווארן דורך אימיגראנט פאמיליעס וועלכע האבן געקעמפט פאר א בעסערע צוקונפט, פונקט ווי מיין פאמיליעס און פילע וועלכע וואוינען און ארבעטן אין טשיינעטאון. עס איז אן עהרע צו צושטעלן שטיצע פאר די סקול קינדער וועלכע פייערן די אזיאנע נייע לבנה יאר האלידעי און צו ווייזן ווי שטארק מיר האלטן טייער די האלידעי. סקול קינדער טארן קיינמאל נישט געצווינגען ווערן צו אויסוועהלן צווישן זייער קולטור און זייער חינוך, ווייל לערנען איבער קולטור איז פון די בעסטע פארעמעס פון חינוך וואס זענען פארהאן. איך בין פרייליך צו זעהן די אזיאנע נייע לבנה יאר האלידעי ווערנדיג א סקול האלידעי, און איך ווייס אז פילע פאמיליעס אין מיין דיסטריקט וועלן פייערן די טויש."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418